# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת פנחס | שנת תשע"א לפ"ק

## מילי דחסידא

**לאזני משפחת האזני:** ברש"י הוא אצבון, ואיני יודע למה לא נקראת משפחתו על שמו, עד כאן.

ונראה לפרש כמו **ש'צוחר'** נקרא **'זרח'**, כפירוש רש"י (ד"ה לזרח) 'דצוחר' כמו 'צוהר', וצוהר - זורח, ככה כאן דהלא **'אצבון'** הוא לשון **'אצבע'**, ומבואר בגמרא כתובות (דף ה' ע"ב) למה אצבעותיו משופות כיתידות, שאם ישמע דבר שאינו הגון, יניח אצבעו באזניו. נמצא עיקר תשמישו של אצבע לאוזן.

והיינו **לאזני**, ר"ל המשתמש לאוזן, והיינו **אצבון** והבן, ולכך לא מתמה רש"י מה ענין אזני לאצבון, רק שמתמה למה לא נקרא על שמו כפשוטו, ומאי ענין הרמז הזה לכאן, והבן. (ישמח משה)

## דרש דרש

**פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן:** זאגט רש"י לפי שהיו השבטים מבזין אותו, הראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לעבודת כוכבים, והרג נשיא שבט מישראל לפיכך בא הכתוב ויחסו אחר אהרן, לכאורה דארף מען פארשטיין אויב האבן אים די שבטים געטשעפעט אלס זיין יחוס מצד אמו, וואס וועט העלפן אז די תורה רעכנט אויס זיין יחוס פון זיין טאטנס זייט.

ענטפערט דער **רבי ר' יונתן אייבשיץ זצ"ל** לויט די גמרא אין מס' בבא בתרא (דף קע"ב ע"א) וואס זאגט אז אויב עס וואוינען אין איין שטאט צוויי מענטשן מיטן נאמען יוסף בן שמעון, דארף מען שרייבן אויך דעם נאמען פונעם זיידן אז מ'זאל וויסן פון וועמען מ'רעדט, אויב אלע דריי נעמען זענען איינס, זאל מען ביי איינעם פון זיי – אויב איז ער א כהן – אויך שרייבן 'כהן', וואס דאס זאל זיין דער סימן. איז דא צוויי דיעות אין די פוסקים, איין דעה זאגט אז אויב מ'האט שוין געשריבן כהן דארף מען שוין נישט שרייבן א דריטע נאמען פון א זיידן ווייל כהן אליין איז שוין גענוג א גוטער סימן, און א צווייטע דעה זאגט אז בכל אופן דארף מען שרייבן דריי נעמען פון א זיידן ווייל נאר דאס איז א גוטער סימן.

די מפרשים אויפן פסוק **וישמע יתרו כהן מדין חותן משה** זאגן, אז דער פסוק קומט נאר אויסרימען יתרו, אז אפילו ער איז געווען א **כהן** מדין א שר האט ער אלעס איבערגעלאזט און ער איז זיך געקומען מגייר זיין.

זאגט דער **רבי ר' יונתן** אז עס קען זיין אז לויט די דעה אז אויב ס'שטייט שוין כהן דארף מען שוין נישט שרייבן א דריטע נאמען, מוז נישט זיין אז דאס וואס די תורה שרייבט כהן מדין איז גאר א שבח, ווייל עס קען זיין אז וועגן דעם האט דאס די תורה געשריבן ווייל עס זענען געווען צוויי מענטשן מיטן נאמען יתרו, און **דער** 'כהן מדין' איז גאר געווען א סימן צו וויסן פון וועמען מ'רעדט. אבער לויט די דעה אז אפי' ס'שטייט כהן דארף מען נאך אלס שרייבן, מוז יא זיין אז דאס וואס שטייט כהן מדין איז א שבח, ווייל אפילו עס וואלט געווען נאך יתרו העלפט סיווי נישט דער כהן מדין פאר א סימן, אלא מאי איז דאס געווען נאר א שבח.

פון דעם פסוק וואס שטייט **פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן**, סיי דריי דורות און סיי הכהן, איז געדרונגען אז מ'דארף ארויסשרייבן אלע דריי דורות.

מיט דעם פארשטייט מען די ווערטער פון רש"י **לפי שהשבטים היו מבזין אותו וכו'** און זיי האבן מגנה געווען יתרו, מוז דאך זיין אז זיי האלטן אז דאס וואס עס שטייט כהן מדין איז נאר פאר א סימן אז מ'זאל וויסן פון וועלכע יתרו מ'רעדט, וועגן דעם קומט דא דער פסוק און רעכנט אויס דעם יחוס

## מעשה רב

### די עצה פון מואב!

**שב"ק פר' בלק אין יאר תרח"ץ לפ"ק איז דער רבי בעל דברי יואל זי"ע געווען אויף שבת אין די שטאט סעקעלהעיד, ווי דער זון פונעם סעקעלהעיד'ער רב הגה"צ ר' יודא סג"ל ראזנער זצ"ל האט אים מכבד געווען מיט סנדקאות.**

**דער רבי איז מכובד געווארן צו זאגן א דרשה שבת פארן ליינען. און עטליכע ערליכע אידן אין שטאט זענען געקומען דערציילן פארן רבי'ן אז אין שטאט האט מען איינגעפירט צו לערנען "דף היומי" און די ציונים פרובירן צו מאכן זייערע אקטיוויטעטן אין שטאט** ("דף היומי" מיינט אז יעדער איינער לערנט איין בלאט גמרא אינעם זעלבן טאג, די גדולי ישראל זענען אבער געווען זייער שארף קעגן דאס לערנען "דף היומי", ווייל די אגוד'יסטן האבן דאס גענומען אלס א מיטל צו פרעדיגן זייערע שיטות, אין די ערליכע צדיקים האבן געזעהן אז דער גאנצער "דף היומי איז נישט מער ווי א מיטל צו כשר'ן דאס ציונות).

**ווען דער רבי איז ארויפגעגאנגען אויפן באלעמער זאגן די דרשה, האט דער רבי אנגעהויבן צו זאגן א שארפן פלפול, און דערנאך האט ער כדרכו בקודש אנגעהויבן צו זאגן דברי אגדה: האט זיך דער רבי געשטעלט אויפן פסוק: ויחל העם לזנות אל בנות מואב, ויצמדו לבעל פעור** (פון די פאריגע וואכענדיגע סדרה, איבער וואס ווערט אויך גערעדט אין די היינטיגע סדרה) **האט דער רבי געפרעגט אויפן לשון פארוואס עס שטייט "ויחל העם לזנות" עס וואלט ענדערש געדארפט שטיין "וזנו אל בנות מואב וייצמדו לבעל פעור"?**

**האט דער רבי גענטפערט: ווייל לכאורה איז דאך שווער צו פארשטיין ווי אזוי קען זיין אז דער דור המדבר וואס זענען געווען אזעלכע הייליגע מענטשן, און זיי האבן געזעהן יציאת מצרים און מתן תורה, זאלן אזוי שטארק פאלן פון די מדריגות אז זיי זאלן מזנה זיין מיט די בנות מואב!**

**נאר די גמרא זאגט אין מס' בבא קמא אז דער אייבערשטער האט געזאגט 'אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה' די זאלסט נישט באלאגערן דעם מואב און די זאלסט נישט אנרייצן אין זיי קיין מלחמה. ווייל צוויי פרידות טובות דארפן נאך ארויסקומען פון עמון ומואב, רות המואבי' מיט נעמה העמונית, דעריבער קען מען זאגן אז די אידישע קינדער האבן געוואוסט אז עס גייען ארויסקומען אזעלכע צדקניות פון עמון ומואב דעריבער**

פון **פינחס בן אהרן הכהן** אלע דריי דורות, זעהן מיר דאך אז אפי' ס'שטייט כהן דארף מען אויך שרייבן דריי דורות, מוז זיין אז דאס וואס עס שטייט כהן ביי יתרו קומט פאר א שבח און נישט פאר א סימן, דאס איז דער שבח וואס די תורה וויל זאגן אז אפילו אז מ'קוקט אויף זיין יחוס פון די מאמע זייט האט ער געהאט א חשוב'ער זיידע.

**ובחמשה עשר יום לחודש השביעי מקרא קודש יהיה לכם וגו' ושעיר עזי"ם אחד חטאת וגו', וביום השני וכו' ושעיר עזים אחד חטאת וגו', וביום הרביעי וגו' ושעיר עזים אחד חטאת,** לכאורה איז א פלא פארוואס ביי יום השלישי, יום החמישי, יום הששי, און יום השביעי, שטייט נישט **ושעיר עזים**, נאר **ושעיר חטאת** אחד, דארף מען פארשטיין דעם טעם.

זאגט **דער ווילנער גאון ז"ל** אז די גמרא זאגט אין מס' סוכה (דף נ"ה ע"ב) אז די זיבעציג פרים זענען קעגן די זיבעציג פעלקער. און אין **זוה"ק** שטייט אז דער עיקר פון די זיבעציג אומות איז ישמעאל, און עשו און די אנדערע אומות זענען יונק פון ישמעאל.

אויך שטייט אין **ספרי המקובלים** אז **שעיר עזים** איז ישמעאל, און **שעיר** סתם איז עשו, אזוי שטייט אויף דער נוסח ביי סליחות פון שבעה עשר בתמוז, **והצפיר והשעיר**.

מיט דעם פארשטייט מען שוין זייער גוט דעם דיוק פון דעם לשון פון די פסוקים, וויל לויט דעם זענען די ע' אומות תלוי אין ישמעאל ועשו, קומט אויס אז די העלפט די ערשטע 35 פרים איז געגאנגען פאר ישמעאל, און די אנדערע העלפט פאר עשו. וויל ישמעאל אלס קינד פון אברהם קומט פאר עשו א קינד פון יצחק.

וועגן דעם ביים ערשטן טאג ווען מ'האט מקריב געווען דרייצן פרים, און דעם צווייטן טאג וואס מ'האט מקריב געווען צוועלף פרים, שטייט **שעיר עזים** וואס דאס ווייזט אויף **ישמעאל**. ביים דריטן טאג האט מען מקריב געווען עלף פרים, אבער דאס איז שוין געווען פאר **עשו**, וויל אויב זאל מען דאס אויך געבן פאר ישמעאל וואלט מען שוין געהאלטן ביי זעקס און דרייסיג, די פערטע טאג איז געווען צען, דאס האט מען געגעבן פאר ישמעאל אזוי האט ער שוין געהאט זיינע 35, און וועגן דעם דוקא ביי די ערשטע צווייטע און פערטע שטייט **ושעיר עזים**.

אבער די עלף פון די דריטע טאג, און די איבריג פון אלע אנדערע טעג זענען שוין געגאנגען פארן חשבון פון עשו, וועגן דעם שטייט ביי דעם נאר **ושעיר חטאת**.

**האט יעדער געוואלט זוכה זיין אז פון זיי זאלן ארויסקומען די פרידות טובות, וועגן דעם האבן זיי גענומען די טעכטער פון מואב.**

**האט דער רבי אויסגעפירט "וועגן דעם זאגט דער פסוק "ויחל העם" קודם האט מען אנגעהויבן בהיתר, וויל מען האט געהאט א כונה צום גוטן, אבער צום סוף האט מען געזעהן אז עס האט זיך געענדיגט מיט עבודה זרה ויצמדו לבעל פעור".**

**דאן האט דער רבי אנגעהויבן צו שרייען מיט א פלאם פייער "איך האב יעצט באקומען א ידיעה פון ארץ ישראל אז אלע פארטייען, אויך די אגודה, טוען פעולות צו קויפן שטחים אין ארץ ישראל כדי אז ווען עס וועט קומען די צייט זאלן זיי קענען מאכן א מדינה! עס איז ריכטיג אז דא האט מען אנגעהויבן מיט א "היתר", מען לערנט נאר דף היומי, און מען טראכט וואס קען שוין זיין שלעכטס אז מען לערנט א בלאט גמרא, אבער מען קוקט וואס עס קומט ארויס דערפון, וואס קומט ארויס פון די אלע פארטייען? ויצמדו לבעל פעור, מען וויל מאכן א מרידה באומות און ארויפגיין קיין ארץ ישראל קעגן די 3 שבועות, וואס דאס איז כפירה גמורה און עבודה זרה ממש".**

**די ווערטער פונעם רבי'ן האבן געמאכט א מורא'דיגן רושם אויפן ציבור, און עס האט אויסגעטון וואס עס האט געדארפט אויפטון.**

# בפרדס הפרשה

## סוף זמן קריאת שמע

מיר האבן די פארגאנגענע וואך געלערנט די ענינים וואס איז מבואר אין דברי חז"ל דאס הייליגקייט און וויכטיגקייט צו ליינען **קריאת שמע** בזמנה.

די וואך ווען די תורה הק' הייבט אן מיטן שכר וואס **פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן** האט באקומען וויל ער האט מקנא געווען קנאת ה' און ער האט גע'הרג'עט דעם זינדיגן **זמרי בן סלוא**, איז כדאי אראפצוברענגען וואס די גמרא זאגט אויפן פסוק "**והמה בוכים פתח אוהל מועד וקריין שמע**", אז בשעת ווען פנחס איז צוגעלאפן הרג'ענען דעם זינדיגן זמרי, האבן די אנדערע ראשי בית אב, די צדיקים געליינט קריאת שמע.

וועלן מיר דא אראפברענגען עטליכע הייליגע מאמרים וואס ווערט געברענגט אין די ספה"ק, איבער דאסגעוואלדיגע ענין פון ליינען קריאת שמע וואס האט נישט קיין ערך און קיין שאץ.

דער **אליהו רבה** ברענגט בשם **האבודרהם**: דער **ע'** פון **שמ"ע** און דער **ד'** פון **אחד** זענען גרעסער פון די אנדערע אותיות, וואס דאס איז א סימן אז קריאת שמע איז אן עדות. **שמע** איז ראשי תיבות **שאו מרום עיניכם** אז מען זאל אויפהייבן די אויגן צום הימל און אריינטראכטן ווער עס איז דער קעניג אויף די וועלט, ווען? ביי **שחרית מנחה ערבית** וואס איז ר"ת **שמע**, און אויב מען טוט אזוי איז מען מקבל עול מלכות שמים, וואס איז ר"ת **שמע** צוריק צו וועגנס. עכ"ל.

אין די גמרא אין מס' **ברכות** (דף ט"ו ע"ב) שטייט **אמר רבי חמא בר חנינא כל הקורא קריאת שמע ומדקדק באותיותי'**, ווער עס ליינט **קריאת שמע**, און ער איז מדקדק קלאר ארויסצוזאגן יעדעם ווארט, **מצננים לו גהנם**, מאכט מען אים קאלט דעם **גהנם**, שנאמר **בפרש, אל תקרי בפרש אלא בפרש**, איז רש"י מסביר אז אויב וועסטו קלאר ארויסזאגן יעדעם איינציגע ווארט פון פרשת **קרי"ש, מלכים בה תשלג בצלמון**, וועט די תורה וואס מאכט קעניגן די קעניגן וועט דיר אפקילן דעם גהנם.

אין תהלים **שערי פרנסה טובה** שטייט זייער ווארעמע התעוררות ווערטער אויף דעם מאמר חז"ל, וואס מיר וועלן דא מעתיק זיין:

"מיין ברודער, טראכט אריין אין די ווערטער פון די גמרא וואס זאגט אז מיטן ליינען קריאת שמע, און זאגן די ווערטער קלאר און פארזיכטיג קילט מען אויס דעם גהנם. ווי אזוי דארף א מענטש ליינען קריאת שמע וואס דאס ראטעוועט אים פון גהנם, איז דען דא א זיסערע זאך פון דעם אז דורך די כוונה פון קריאת שמע וועט ער ניצול ווערן פונעם גהנם?! איז דען דא א מענטש אויף די וועלט וואס אז מיר וועלן אים זאגן ער זאל אוועקגעבן זיין גאנצע פארמעגן און א דאנק דעם וועט מען אים אויסקילן דעם גהנם, וואס עס שטייט אין די ספה"ק אז איין ברי פונעם גהנם איז מער יסורים ווי אלע פייערס פון די וועלט, וועט ער דאס דען נישט געבן?! און בעוונותינו הרבים, מיר ווייסן אלע פון די הייליגע ווערטער פון די גמרא, און דאך זעהט מען נישט אז מען זאל ערנסט נעמען די ווערטער פון חז"ל צו ליינען קריאת שמע ערליך מיט כוונה אז מען זאל דורכדעם ניצול ווערן פונעם פייער פון גהנם, איז דען דא גרעסערע שוטים ווי די מענטשן וואס ליינען קריאת שמע שנעל, און מען טראכט נישט אריין אין די ווערטער פון די גמרא?! דעריבער איז ראוי אז יעדער זאל אריינטראכטן אין די ווערטער פון חז"ל און מקבל זיין אויף זיך צו ליינען קריאת שמע שטאט מיט כוונה יעדעם ווארט, און ווען א איד וויל זיין ערליך העלפט מען אים צו פון הימל" עכדה"ק.